**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

***גאווערנער האקול אנאנסירט סטעיט-ברייטע שריט נאכפאלגנדיג פעסטגעשטעלטע פאל פון 'איסטערן איקווין ענסעפעלייטיס'***

***ניו יארק'ס ערשטע מענשטליכע פאל פון EEE זינט 2015 אין אָלסטער קאונטי איז אוועק דערפון***

***סטעיט גיבט ארויס [דעקלעראציע](#) איבער באלדיגע סכנה צו פובליק געזונטהייט און מוטיגט ניו יארקער צו אויספאלגן רעקאמענדאציעס צו רעדוצירן סכנה פון מאסקיטא-פארשפרייטע קרענק***

***גאווערנער האט אקטיוויזירט מערערע אגענטורן און פארמערט קאארדינאציע צווישן סטעיט און לאקאלע געזונטהייט באאמטע***

***מאסנאמען רעכענען אריין שפריצן מאטעריאלן קעגן מאסקיטן, מער אינזעקט-אפשלאגנדע מאטעריאלן פאר באזיכער ביי סטעיט פארקס און קעמפינג ערטער און ברייטערע באמיאונגען צו אויפקלערן איינוואוינער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט סטעיט-ברייטע שריט צו היטן אויף די פובליק געזונטהייט נאכפאלגנדיג באריכטן אז די ערשטע מענטשליכע פאל פון 'איסטערן איקווין ענסעפילייטיס' ( eastern equine encephalitis, EEE) אין ניו יארק זינט 2015 איז אוועק דערפון. די פאל, וואס איז פעסטגעשטעלט געווארן אין אָלסטער קאונטי אום סעפטעמבער 20 דורך די סטעיט העלט דעפארטמענט'ס Wadsworth Center, ווערט אויסגעפארשט דורך די אָלסטער קאונטי העלט דעפארטמענט.

סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט ארויסגעגעבן א דעקלערציע איבער א באלדיגע געפאר צו די פובליק געזונטהייט פון EEE. די דעקלעראציע עפנט אויף סטעיט מיטלען צו העלפן שטיצן EEE פארמיידונג אפרופונג און אקטיוויטעטן דורך לאקאלע העלט דעפארטמענטס – אריינרעכענענדיג אנגייענדע באמיאונגען צו שפריצן מאטעריאלן קעגן מאסקיטן – פון סעפטעמבער 30 ביז נאוועמבער 30, 2024.

גלייך נאכדעם וואס די פאל פון EEE איז פעסטגעשטעלט געווארן האט די גאווערנער אקטיוויזירט מערערע סטעיט אגענטורן – אריינרעכענענדיג די העלט דעפארטמענט, דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) און די פארקס דעפארטמענט – אין א שטארקע און קאארדינירטע אפרופונג צו אויסברייטערן צוטריט צו אינזעקט-אפשלאגנדע מאטעריאלן ביי סטעיט פארקס און קעמפינג ערטער, פארמערן באמיאונגען צו אויפקלערן די פובליקום און צו מוטיגן ניו יארקער צו אויספאלגן די רעקאמענדאציעס צו רעדוצירן די סכנה פון מאסקיטא-פארשפרייטע קרענק.

״האלטן ניו יארקערס פארזיכערט איז מיין העכסטע פריאריטעט,״ **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "נאכפאלגנדיג די ערשטע פעסטגעשטעלטע מענטשליכע פאל פון EEE, האט מיין אדמיניסטראציע

אונטערגענומען סטעיט-ברייטע שריט צו העלפן באשיצן קאמיוניטיס — און מיט די היינטיגע דעקלעראציע טוהען מיר ארויסלייגן מער סטעיט מיטלען צו באקומען פאר לאקאלע דעפּארטמענטס צו שטיצן זייער פובליק געזונטהייט אפרופונג. מיר זענען אינפארמירט געווארן אז דער פאציענט איז אוועק פון EEE, און מיר שיקן אונזערע מיטגעפיהלן און אונזערע הערצער גייען ארויס פאר זייער פאמיליע."

די סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) שטעלט צו מאסקיטא-אפשלאגנדע מאטעריאל פאר פארק באזיכער ביי פארק אפיסעס, באזיכער צענטערן און קעמפּינג ערטער אפיסעס. די סטעיט פארקס אפיס שטעלט אוועק שילדן ביי פארקס און היסטארישע ערטער צו פארמערן די אויפמערקזאמקייט איבער EEE, און זי האט זיך דורכגערעדט מיט לאקאלע העלט דעפּארטמענטס אין באטראפענע ערטער איבערן באגרעניצן פארק שעה'ן און אפענע קעמפּינג פלאץ אין שעה'ן ווען מאסקיטן זענען די מערסטע אקטיוו.

אין צוגאב, שטעלט די DEC אוועק שילדן ביי DEC איינריכטונגען, קעמפּינג ערטער, פאפולערע טרעיל ארייגאנג פונקטן אין די האדסאן וואלי, ענווייראמענטאלע עדזשוקעישען צענטערן און ביי אנדערע סטעיט שטחים צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו EEE. די DEC און די סטעיט פארקס אפיס ווארענען אויך באזיכער מיט קעמפּינג רעזערוואציעס איבער פארמיידונג מאסנאמען וואס זיי קענען נעמען צו פארמיידן מאסקיטא שטאכן. די DOH, DEC און סטעיט פארקס אפיס עפענען אויך א סאָושעל מידיע קאמפיין צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו EEE און אנדערע מאסקיטא-פארשפרייטע באצילן און שריט צו פארמיידן מאסקיטא שטאכן, אריינרעכענענדיג דאס נוצן מאסקיטא-אפשלאגנדע מאטעריאלן, איבערדעקן אויפגעדעקטע הויט און פארמיידן דרויסנדיגע אקטיוויטעט פארטאגס און פארנאכטס.

**סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "איסטערן איקוויין ענסעפילייטיס איז אנדערש דאס יאר. מיר זעהען נארמאל די מאסקיטן אין צווי דריי קאונטיס יעדעס יאר, אבער דאס יאר זענען זיי שוין געזעהן געווארן אין 15 קאונטיס ביז יעצט, און זיי זענען פארשפרייט אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. די לעבנס-דראענדע מאסקיטא-פארשפרייטע קראנקהייט האט נישט קיין וואקסין פאר מענטשן פאר די פובליקום, און עס מוז גענומען ווערן מיט די פולע ערנסטקייט. מאסקיטן, אמאל נאר א שטער, זענען יעצט א סכנה. איך מוטיג אלע ניו יארקער צו פארמיידן מאסקיטא שטאכן דורכן נוצן אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאלן, טראגן קליידונג מיט לאנגע ארבל און אוועקנעמען שטייעדיגע וואסער נעבן זייערע היימער. הערבסט איז אפיציעל דא, אבער מאסקיטן וועלן דא זיין ביז מיר וועלן זעהען עטליכע נעכט פון פרירנדע טעמפעראטורן."

**סטעיט פארקס אפיס צייטווייליגער קאמישאנער, רענדי סימאנס, האט געזאגט,** "מיר מוטיגן פארק באזיכער און ליבהאבער פון דרויסנדיגע אקטיוויטעט זיך צו באקאנט מאכן מיט די סכנות פון EEE און צו אונטערנעמען באווארענונג מאסנאמען צו פארמיידן פון געשטאכן ווערן פון מאסקיטן. מיר וועלן פארזעצן צו קאארדינירן מיט די סטעיט העלט דעפּארטמענט און לאקאלע פובליק געזונטהייט אגענטורן אויף סיי וועלכע רעקאמענדירטע שריט צו אדרעסירן די פראבלעם."

**סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צייטווייליגע קאמישאנער, שאָן מאהאר, האט געזאגט,** "איסטערן איקוויין ענסעפילייטיס איז אן ערנסטע זארג, באזונדערס פאר די וועלכע פארברענגען צייט אינדרויסן געניסנדיג פון די הערבסט וועטער. די DEC וועט פארזעצן צו קאארדינירן פון די נאענט מיט אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים צו העלפן זיכער מאכן אז ניו יארקער זענען אויפמערקזאם איבער די סכנות און די באווארענונג שריט וואס זיי קענען נעמען צו פארמיידן מאסקיטא-פארשפרייטע קרענק."

די לעצטיגע מענטשליכע פאל אין ניו יארק סטעיט איז אידענטיפיצירט געווארן דורך די Wadsworth Center. אנדערע סטעיטס, אריינרעכענענדיג מעסעטשוסעטס, ווערמאנט, ניו דזשערסי, ראָוד איילענד, וויסקאנסין און ניו העמפּשיר, האבן אויך באריכטעט מענטשליכע EEE פעלער דאס יאר. אכצן פעלער פון EEE זענען אידענטיפיצירט געווארן אין פערדן אריבער 12 קאונטיס אין ניו יארק סטעיט דאס יאר.

'איסטערן איקוויין ענסעפעלייטיס' (Eastern equine encephalitis, EEE) איז א זעלטענע אבער גאר ערנסטע ווירוס קראנקהייט פארשפרייט דורך אינפעקטירטע מאסקיטן וואס קען אפעקטירן מענטשן און פערדן. מענטשן פון יעדע עלטער זענען אויסגעשטעלט צו אינפעקציע, אבער מענטשן העכער 50 און אונטער 15 זענען אין א העכערע סכנה פון כאפן די ווירוס.

אין די צייט וואס רוב מענטשן וואס ווערן געשטאכן דורך אן אינפעקטירטע מאסקיטא וועלן נישט באקומען קיינע סימפטאמען, קענען ערנסטע פעלער זיך אנהויבן מיט א פלוצלינגדיגע קאפווי, הויכע פיבער, טשילס און ברעכן. די קראנקהייט קען ווייטער גיין צו ווערן אומאריענטירט, סיזשערס, ענסעפעלייטיס (מוח אנטצינדונג) און א קאומע. אומגעפער א דריטל פון פאציענטן וואס באקומען EEE שטארבן דערפון, אין די צייט וואס פילע פאציענטן וואס לעבן איבער EEE ליידן פון שאדן צו די מוח.

עס איז נישטא א וואקסין ברייט צו באקומען פאר מענטשן קעגן EEE, און די בעסטע שוץ מיטל איז זיך צו פארמיידן פון געשטאכן ווערן דורך א מאסקיטא.

די פאלגנדע באווארענונג שריט זענען רעקאמענדירט צו רעדוצירן די סכנה פון אינפעקציע מיט EEE און אנדערע מאסקיטא-פארשפרייטע קרענק:

- נעמט אין באטראכט צו טראגן לאנגע ארבל און צו ארייננשטעקן די הויזן אין די זאקן און די העמד אין די הויזן בשעת'ן זיין אינדרויסן, באזונדערס פארנאכטס אדער פארטאגס — די צייטן אין די טאג ווען מאסקיטן זענען די מערסטע אקטיוו.
- נוצט אן אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאל וואס אנטהאלט DEET. מאכט זיכער צו אויספאלגן די אנווייזונגען אויף די לעיבעל פון די אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאל. קינדער זאלן נישט דירעקט האנדלען מיט אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאלן. אנשטאט דעם זאלן ערוואקסענע ארויפלייגן אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאל אויף זייערע הענט קודם און עס דאן איידעלערהייט ארויפשמירן אויף די קינד'ס אומבאדעקטע הויט. האלט זיך צוריק פון עס גראד ארויפלייגן אויף די קינד'ס הענט. נאכן צוריקגיין אינעווייניג, וואשט אייער קינד'ס אומבאשפריצטע הויט און קליידונג מיט זייף און וואסער אדער באדט דאס קינד.
- מאכט זיכער אז עס זענען דא סקרינס אין די פענסטער און טירן פון די היים. מאכט זיכער אז די סקרינס האבן נישט קיינע ריסן אדער לעכער.
- נעמט אוועק אלע שטייעדיגע וואסער אין די הויף און ארום די היים און פּראפערטי וואו מאסקיטן קענען לייגן אייער, אריינרעכנענדיג פלאסטיק קאנטעינערס, שווים באסיין צודעקן, אויפגעבלאזענע שווים באסיינען, קעראמישע טעפ, פארשטאפטע אפלויף רערן און וועגענער. טוישט אויך די וואסער אין פויגל באדעס צוויי מאל א וואך.

פאר מער אינפארמאציע איבער EEE, גייט צו די DOH'ס וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן